# אלע ווערק

פון

# שלום עליכם

*

## באנד XIII

ערשט בוך
דראמאטישע שריפטן

צווייט בוך
קאמעדיעס

# עולם־הבא

א שארזש אין איין אקט

פערזאנען:

מיסטער משערקיס, אן אלרייטניק.

מיסעס משערקיס, אן אלרייטניטשקע.

מיסטער קוואטשקע, א היברו־טיטשער.

א ייִד.

צוויי עדות.

ארט: די ווייטע פראווינץ אין אמעריקע. צייט: דא ניט לאנג.

[אין פּאַרלאָר, אין אַ ראַקינג־טשער, זיצט מיט אַ ציגאַר אין מויל, די פֿיס אַרויף, מיסטער טשערקיס, אַ גוט־געבויטער מאַן פֿון מיטלע יאָרן, עלעגאַנט געקליידט. אַקעגן אים, אויף צווייטן ראַקינג־טשער, זיצט די מיסעס טשערקיס, אַ שווערע שטיק מיט אַ דרײַנאַרנדיקן גוידער. ביידע קאַטשען זיך.]

מיסטער טשערקיס: (אַ קוק אויף זייגער). וואָס איז די מעדער מיטן טיטשער? צוגעזאָגט קומען מיטן רעווערענט פֿון עולם־הבא, און קומט ניט. אַלבעטשיע, אַז ער האָט חרטה.

מיסעס טשערקיס: נעווער מאַי! (גענעצט).

מיסטער טשערקיס: וואָס הייסט נעווער מאַין? ביזנעס איז ביזנעס...

מיסעס טשערקיס: צו וואָס טויג דיר די ביזנעס, דזשאָ? ס׳וועט נאָר קאָסטן געלט...

מיסטער טשערקיס: באַ דיר איז דאָס געלט אַנקי. זאָלסט אַ טראַכט טאָן אַ ביסל ווײַטער — דאָט נאָט! ביקאָז דו לעבסט נאָר מיטן הײַנט. איך טראַכט מיך אַרײַן אין מײַן לײַף, ווי אַזוי מיר זײַנען מיט דרײַסיק יאָר צוריק געקומען אין דהיז קאַונטרי, און האָבן ביידע געפּעדלט, זײַנען מיר געווען יידן גלײַך מיט אַל די פּיפּל — באָט וואָס זײַנען מיר איצט? (שטייט אויף, שפּאַנט אום). וואָס פֿאַר ייִדן זײַנען מיר? ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טוב, ניט קיין טלית, ניט קיין תּפֿילין — נאָטינג! טאָג ווי נאַכט אָדער אין פֿאַוקער, אָדער אין פּינאָקעל, אָדער אין אַנדערע גיימס, און הייבן גאָרניט אָן צו טראַכטן וועגן יענע וואָרלד. איבער האַנדערט ענד טוועלווע יערס, ווער וועט עפּטער אונדז זאָגן קדיש?

מיסעס טשערקיס: וואָס הייסט? מיר האָבן ניט קיין זין?

מיסטער טשערקיס: (האָט זיך אָפּגעשטעלט). אַט די לויפֿערס וועלן זאָגן קדיש?

מיסעס טשערקיס: דזשייק, קאָן זײַן, וועט קיין קדיש ניט זאָגן, אָבער מאַקסילע? — מיר פֿאַר זײַן קאָפּ!



מיסטער טשערקיס: מאַקס וועט זאָגן קדיש?

מיסעס טשערקיס: שור וועט ער זאָגן קדיש!

מיסטער טשערקיס: אַלבעטשיע, אַז נײַן! אפשר די ערשטע אַכט טאָג, באָט שפּעטער — נאָסער!

מיסעס טשערקיס: יעס מעם!

מיסטער טשערקיס: נאָסער!

מיסעס טשערקיס: יעס מעם!

מיסטער טשערקיס: (אַ קלאַפּ אין טיש). אַז איך זאָג נאָסער, איז נאָסער! (מיסעס טשערקיס שליסט צו איר מויל. — עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. ביידע רופֿן אויס): קאָם אין! (עס קומט אַרײַן דער טיטשער, מיסטער קוואַטשקע, אַ זשוואָווע ייִדל מיט אַן אויסגעהונגערט אומרויִק פּנים, זעט אויס האַלב שנײַדער, האַלב רעווערענד).

מיסטער טשערקיס: האַו דו יו דו, מיסטער טיטשער, סידאַון!

מיסטער קוואַטשקע: (זעצט זיך אַוועק, ווישט זיך דעם שווייס). נו, אַ היץ! קוים מיט צרות אײַנגעבעטן דעם ייִדן!... אײידער איך האָב אים אויסגעזוכט ווו ער וווינט — איך וואָלט דערפֿאַר ניט גענומען קיין צען דאָלער, זאָל מײַן נאָמען ניט הייסן קוואַטשקע!

מיסטער טשערקיס: טאַקי דהיס טײַם דזשו, וואָס מיר האָבן גערעדט?

מיסטער קוואַטשקע: טאַקע דער זעלבער ייִד... נאָר ער האָט שוין חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשה. ניט געוואָלט פֿאַרקויפֿן פֿאַר קיין געלט! וואָס טויג אים, זאָגט ער, געלט? געלט גייט אַוועק, און עולם־הבא בלײַבט אויף אייביק... האָב איך מיך צוגעזעצט צו זײַן ווײַב. אַ ייִדענע — אַהין־אַהער, כ׳האָב קוים געפּועלט פֿאַר צוויי הונדערט דאָלער זאָל ער אָפּטרעטן האַלב פֿון זײַן חלק עולם־הבא... איר וועט אָנקוקן אַ ייִד — איר האָט זינט איר לעבט אַזאַ ייִדן ניט געזען! אָנגעטאָן גייט ער ווי אַ טערק, און רעדט מער אויף לשון־קודש... געווען צען יאָר אין ארץ־ישׂראל, געקומען אַהער צו גאַסט צו זײַנע קינדער און פֿאָרט נאָכאַמאָל קיין ארץ־ישׂראל... אַ כשרער ייִד, זיצט יומם ולילה און לערנט... אָדער ער לערנט, אָדער ער דאַוונט... און פֿאַסט תּעניתים... אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק... ווייס ניט קיין צורת מטבע...

מיסעס טשערקיס: פֿון וואַנען־זשע ווייס ער צו נעמען צוויי הונדערט דאָלער?

מיסטער קוואַטשקע: ער? חס וחלילה! ווי קומט ער צו געלט? איך זאָג דאָך אײַך: ער איז צו אַזעלכע זאַכן ניט שייך. דאָס האָב איך מיט איר, מיט זײַן ייִדענע, אָפּגעמאַכט פֿאַר אַ האַלבן חלק עולם־הבא... מיסטער טשערקיס, זײַט איר גרייט און מע קאָן צוטרעטן צו דער צערעמאָניע פֿון מכירת עולם־הבא?

מיסטער טשערקיס: פאָזעטיוולי! נאָר איך האָב צו אײַך אַ קלײנע ביטע. (קװענקלט זיך). איך װאָלט געגליכן, ס׳זאָל זײַן דערבײַ, איף איטס פּאָסיבעל, אַ רעװורענט... אַ ריעל רעװורענט...

מיסטער קוואַטשקע: (דערשראָקן). צו וואָס אומזיסטע עקספּענסעס? איך בין בײַ אײַך אַ טיטשער, דאַכט זיך, ניט דאָס ערשטע יאָר. איך פאַרזיכער אײַך, אַז איך בין קלאָר אין הלכות עולם־הבא, ווי דער גרעסטער רעוורענט. על־פּי דין דאַרף מען מער ניט האָבן ווי אַ האַנט, תקיעת־כּף פאַר צוויי עדות — און דאַטס אָלל.

מיסטער טשערקיס: איז דאַט די לאָאַ?

מיסטער קוואַטשקע: אַ בפירושער דין אין הלכות הדותה, פּרק בבלאי טפּשאי... מעג איך זיי גיין אַרײַנרופן? זיי וואַרטן דאָ אין האָל.

מיסטער טשערקיס: אָללרײַט. און וואָס דאַרף איך טאָן?

מיסטער קוואַטשקע: איר דאַרפט גאָרניט טאָן. איר וועט זיך נאָר מטריח זײַן איבערטאָן יום־טובדיק, מער ייִדיש, ווי בעת איר גייט אין שול אַרײַן. אַפן קאָפּ וועט איר מוחל זײַן אָנטאָן אַ העט. און אויך די מיסעס וועל איך בעטן עפּעס נעמען אַפן קאָפּ, אָבי די האָר צודעקן. און אַז איר וועט זיך אָנטאָן, וועט איר פריִער וואַשן די הענט, אַט ווי מע וואַשט זיך צום עסן.

מיסטער טשערקיס: (מאַכט אַ פרום פּנים). וועלל! און זאָגן דערבײַ וואָס?

מיסטער קוואַטשקע: זאָגן — גאָרניט, נאָר דענקען דאַרפט איר וועגן גאָט, וועגן טויט און וועגן יענער וועלט.

מיסטער טשערקיס: (מיט דער זעלבער פרומער מינע). אָללרײַט. (שטייט־אויף). באַדאַרף איך מיט זיך אַהער ברענגען סאַמטינג, אַ סידור, אָדער... האַו דו יו קאָלל איט?... אַ מחזור?... אַ סליחה?...

מיסטער קוואַטשקע: קיין זאַך! איר דאַרפט נאָר טראַכטן פונעם טויט און פון יענער וועלט. און טאָמער קומט עמעצער וועגן ביזנעס — טרײַבט אים אַרויס. טאָמער קלינגט מען אין טעלעפאָן — ענטפערט ניט. לאָזט אַראָפּ דעם ווייער. און איר אויך, מיסעס לעבן, רעדט ניט מיט דער דינסט, און מיטן מאַן אויך וואָס ווינציקער, און טראַכט וואָס מער פונעם טויט.

מיסטער טשערקיס: אָללרײַט! טשענזשען דעם סוט דאַרף בײַ מיר נעמען אַ מינוט צען אָדער פופצן. (צו דער מיסעס). קאָם אָן. דער טאָג שטייט ניט. (גייען אַפּ ביידע. נאָך זיי גייט אַפּ דער טיטשער און קומט באַלד צוריק מיטן ייִדן. אַ הויכער, אַ שיינער, אַ געזונטער, ווי עס גיט זיך אויס אַ געראַטענער קצב, אָדער אַ בעל־עגלה. אָנגעטאָן גייט ער אין אַ מאָדנע כאַלאַט מיט אַ פלאַכטע אַפן קאָפּ. שיינע באָרד און פּאות באַצירן זײַן פּנים, נאָר ס׳איז ניט שווער צו דערקענען,



אַז דאָס זײַנען פרעמדע באָרד און פּאות. — נאָכן ייִדן שלעפּן זיך נאָך די צוויי עדות, ייִדן פון דער גאַס).

מיסטער קוואַטשקע: (בעט די עדות זיצן, און דעם ייִדן פירט ער צו נאָענט צו דער ראַמפּע, רעדט צו אים אַזוי, אַז די צוויי עדות זאָלן ניט הערן). די באָרד וואָלט איר געמעגט פונדעסטוועגן אַ ביסל צורעכט מאַכן... זעט אויס, ווי אַ פרעמדע...

דער ייִד: (אַקעגן שפּיגל). דאָס איז דער באַרבער שולדיק, אַ רוח אין זײַן בוזעם אַרײַן! איך זאָג אים: מאַך מיר, ווי די אַקטעיורען אין טרעיאַטער מע זאָל ניט דערקענען. (מאַכט צורעכט די באָרד און פּאות). וואָס־זשע דאַרף איך טאָן? וואָס דאַרף איך זאָגן, הייסט עס?

מיסטער קוואַטשקע: נאָר ניט ריידן! וואָס ווינציקער גערעדט! איר שטעלט זיך, זײַט מוחל, אַוועק מיטן פּנים צו דער וואַנט, אַט אַזוי אַ (ווײַזט אים וויאַזוי), גלײַך ווי איר דאַווענט.

דער ייִד: וואָס איז פאַר אַ דאַווענען אינמיטן דערינען?

מיסטער קוואַטשקע: מנחה וועט איר דאַווענען.

דער ייִד: אינמיטן באַטאָג?

מיסטער קוואַטשקע: ערלעכע ייִדן הייבן אָן מנחה פון באַטאָג.

דער ייִד: אָללרײַט — איר זײַט אַ טיטשער, ווייסט איר בעסער מן הסתם. איך קאָן אָבער ניט אויסווייניק.

מיסטער קוואַטשקע: איר דאַרפט ניט קאָנען. איר דאַרפט נאָר שטיין מיטן פּנים צו דער וואַנט, שעפּטשען מיט די ליפּן און אַרויסלאָזן אַלעמאָל אַ זיפץ, ווי אַן ערלעכער ייִד... קאָנט איר זיפצן?

דער ייִד: איך קאָן, פאַרוואָס זאָל איך ניט קאָנען? איך קאָן אײַך זיפצן אַזוי, אַז פון יעדן זיפץ זאָלט איר בײַ מיר פאַלן אין חלשות...

מיסטער קוואַטשקע: צו שטאַרק דאַרף מען ניט. (ווײַזט אים וויאַזוי). און ריידן וואָס ווינציקער. און דאָס, וואָס איר מוזט שוין זאָגן, זאָלט איר זאָגן אַף לשון־קודש.

דער ייִד: ווי קומט צו מיר לשון־קודש? איך האָב מיט מײַנע פערד קיין לשון־קודש ניט גערעדט.

מיסטער קוואַטשקע: בהמה! זיי קאָנען לשון־קודש גלײַך מיט אײַך! איר דאַרפט נאָר באַלעבעטשען וואָס ניט איז, פון סידור אָדער פון תהלים, בכדי זיי זאָלן מיינען, אַז איר רעדט אַף לשון־קודש.

דער ייִד: אָללרײַט — איך וועל אײַך האַקן גאַנצע שטיקער פונעם דאַווענען, נאָר איך האָב מורא, איך זאָל מיך ניט צעלאַכן.

מיסטער קוואַטשקע: זאָל אײַך גאָט היטן פון אַזאַ געדאַנק! אירט אומגליקלעך מאַכן אי זיך, אי מיך... שאַ! זיי גייען... (דער ייִד שטעלט זיך אַוועק מיטן פּנים צו דער וואַנט. עס קומט אַן מיסטער טשערקיס, נאָך אים די מיסעס טשערקיס. ער האָט זיך איבערגעטאָן אין אַ נײַעם אָנצוג מיטן צילינדער אַפן קאָפּ. זי האָט אָנגעטאָן אַלע אירע

דיימאנדס און דעם קאָפּ האָט זי איבערגעדעקט מיט אַ ווייַסן וואָל. ביי־דט זעען אויס האַפּערדיק, רעליגיעז געשטימט, קוקן מיט גרויס רעספּעקט אויף דעם מאָדנעם ייִדן אין זייַן מאָדנעם קאָסטיום).

מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס : (שטיל צום טיטשער). דאָס איז די מען?

מ י ס ט ע ר ק ו אַ ט ש ק ע : (הויך). איר מעגט ריידן העכער. ערשטנס, איז ער טויבלעך, און צווייטנס — ער, אַז ער דאַוונט, קאָנט איר שיסן מיט האַרמאַטן, וועט ער אויך ניט הערן.

מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס : איז דאָס? לאַנג וועט ער דאַוונען?

מ י ס ט ע ר ק ו אַ ט ש ק ע : ניין, ניט לאַנג. דאָס הייסט, דאַוונען דאַוונט ער דריי שעה, און פיר שעה, און אַמאָל זעקס שעה אויך, נאָר איצט וועט דאָס נעמען עטלעכע מינוט, וואָרעם דאָס דאַוונט ער פון פּאַרנט. (אין דער מינוט לאָזט דער ייִד אַרויס אַ זיפץ, אַז ביידע טשערקיסעס טוען זיך אַ וואָרף).

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : ליסען, מיסטער טיטשער, איך האָב אייַך געוואָלט פרעגן עפּעס אַ זאַך. (קוועטשט זיך).

מ י ס ט ע ר ק ו אַ ט ש ק ע : וואָס פאַר אַ זאַך האָט איר געוואָלט פרעגן, מיסעס? עפּעס אַ דין, וואָס איז שייך צו עולם־הבא?

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : יאָ. דאָס געהער זיך אַז מיט עולם־הבא, און טאַקע מיט מיר אַליין... איינעם חלק עולם־הבא, וואָס מייַן מאַן האַנדלט איין בײַ אַט דעם ייִדן, האָב איך דאָך אויך אַ טייל?...

מ י ס ט ע ר ק ו אַ ט ש ק ע : חס וחלילה! אַ ווייַב האָט אַ חלק אין איר מאַנס עולם־הבא נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט דאָס פֿאַרדינט דורך זייַן לערנען, אָדער דאַוונען, אָדער צדקה־געבן... אין געקויפטער עולם־הבא האָט דאָס ווייַב באַם מאַן, ווי דער מאַן באַם ווייַב, קיין שום חלק ניט.

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : אַזוי גאָר? אַ שיינער יושר! (בייז).

מ י ס ט ע ר ק ו אַ ט ש ק ע : מיסעס לעבן, אַזוי איז דער דין בפירוש אין מדרש פּליאה, הלכות גומעראַבעקע, פרק עולם־הבא — וואָס זאָל איך טאָן?

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : (ווייך). גיט־זשע מיר אַן עצה, מיסטער טיטשער, וואָס טוט מען, איך זאָל אויך האָבן כאָטש אַ שטיקל עולם־הבא?

מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס : (צו דער מיסעס). אי דאַנט נאָו וואָט איז די מעדער וויט יו? וואָס באַדערסטו? עס גייט אַוועק די צייַט פאַר נאַטינג!

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : (בייז). באַ דיר הייסט עס פאַר נאַטינג... אבי דו האָסט זיך באַוואָרנט מיט עולם־הבא, און פאַר מיר איז נעווער מאַיי! גאָרניט! ער וועט זיך זיצן דאָרטן, ווי אַ שררה, מיט



אַלע אַללרייטניקעס און מיט אַלע אַללרייטניצעס אין גן־עדן, שפּילן מיט די חצופות אין פּאָוקער אָדער אין פּינאָקעל, און איך וועל ברענען ווי אַ ליכט אין גיהנום — וואָס אַרט עס אים, אַ שטייגער? (וויינט שיער).

מ י ס ט ע ר ט ש ע ר ק י ס : (מיט רחמנות). איל טעל יו, מיסעס, קאָנסט דאָך קויפן פאַר דייַן געלט אַ פּאַרט עולם־הבא, און טאַקע בײַ דעם דזשו. ער טוט ביזנעס, לאָז ער שוין טאָן.

מ י ס ט ע ר ק ו אַ ט ש ק ע : (מאַכט אַ רחמנות־פּנים). איך ווייס ניט, אויב ער וועט פאַרקויפן נאָך עולם־הבא... איך וועל אים אַ פרעג טאָן. (גייט צו צום ייִדן, רעדט צו אים הויך, ווי צו אַ טויבן). האָט קיין פּאַראיבל ניט, רב אהרן ברב משה! די מיסעס בעט אייַך, אפשר איז מעגלעך, איר זאָלט איר אָפּטרעטן פון אייַער חלק עולם־הבא... ס'איז אַ יושר, אַזוי ווי איר מאַן וועט האָבן האַלב פון אייַער עולם־הבא, לאָז זי האָבן כאָטש די האַלב פון אייַער האַלב.

ד ע ר י י ִ ד : אדון עולם אשר מלך ברטם...

מ י ס ט ע ר ק ו אַ ט ש ק ע : ער זאָגט: דעמאָלט בלייַבט אים איבער עולם־הבא אָפּן שפּיץ מעסער.

ד ע ר י י ִ ד : נשמת כל חי תברך את...

מ י ס ט ע ר ק ו אַ ט ש ק ע : ער זאָגט: סיידן מע וועט אים באַצאָלן פאַר אַ פערטל אַזויפיל, ווי פאַר אַ האַלב.

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : אבי איר זאָגט, ער ווייס ניט, וואָס געלט איז — און דינגט זיך, ווי פאַר אַן אָקס... פאַר אַ פערטל מעג ער נעמען אַ פערטל...

ד ע ר י י ִ ד : כל הנשמה תהלל יה...

מ י ס ט ע ר ק ו אַ ט ש ק ע : ער זאָגט: אַז פאַר אַ פערטל איז די העלפט. עס מאַכט אויס אַזוי גרויס, ווי הונדערט דאָלער.

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : פאַרוואָס איז פאַר אַ פערטל די העלפט — פאַרשטיי איך ניט.

ד ע ר י י ִ ד : אשרי יושבי ביתך עוד...

מ י ס ט ע ר ק ו אַ ט ש ק ע : ער זאָגט: אַז האַלב פון האַלב איז אַלעמאָל אַ פערטל.

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : זאָגט אים, אַז צוליב מיר מעג ער לאָזן ביליקער, פאַר אַ פופציקער.

ד ע ר י י ִ ד : לא אמות כי אחיה ואספר...

מ י ס ט ע ר ק ו אַ ט ש ק ע : ער וויל ניט הערן, ניט זען.

מ י ס ע ס ט ש ע ר ק י ס : דאַרף מען ניט. איכל זיך באַגיין אַזוי.

ד ע ר י י ִ ד : הודו לה׳ כי טוב...

מ י ס ט ע ר ק ו אַ ט ש ק ע : ער זאָגט: טוב — דאָס הייסט, לאָז שוין זייַן ווי איר זאָגט.

מיסעס טשערקיס: ווײַבאַלד אַזוי, לאָז זײַן פּערציק דאָלער.

דער ייִד: כי לעולם חסדו...

מיסטער קוואַטשקע: ער זאָגט: ס'איז צוליב אײַך. אַצינד קאָנען מיר צוטרעטן צו דער צערעמאָניע. (טוט אַ ווונק צו די עדות. זיי גייען צו).

ערשטער עדות: אונדז האָט מען באַשטעלט, מיר זאָלן זײַן עדות בײַ מיסטער משערקיס, און מע האָט אונדז צוגעזאָגט צו דרײַ דאָלער אַף אַ קאָפּ. איצט, ווײַבאַלד אַז די מיסעס וועט אויך דאַרפֿן עדות, ווילן מיר צוויי מאָל אַזויפֿיל.

צווייטער עדות: אָדער כאָטש צו פינף דאָלער אַף אַ קאָפּ.

מיסעס טשערקיס: אַזוי גאָר? הפקר פּעטרישקע?

מיסטער טשערקיס: אַ סטרײַק? קעגן אַ סטרײַק האָבן מיר סקעבס!

מיסטער קוואַטשקע: (זאָגט עפּעס צו ביידע עדות אַפּן אויער). אַלרײַט! אַצינד קאָנען מיר צוטרעטן צו דער מכירה. מיסטער טשערקיס! זײַט-זשע מוחל, קומט אַהער, איר דאַרפֿט שטיין אָט דאָ, אין דער רעכטער האַנט. (מיסטער טשערקיס שטעלט זיך אַוועק רעכטס). און איר, מיסעס, זײַט זיך מטריח אַהער, אין דער לינקער האַנט. (מיסעס טשערקיס שטעלט זיך לינקס. — צום ייִדן). רב אהרן ברב משה! זײַט-זשע מוחל אַהער צו מיר! (דער ייִד גייט צו, זיפֿצט). איצט, מײַנע ליבע ייִדן, דאַרף איך אײַך זאָגן אַ פּאָר ערנסטע ווערטער, וואָס איר האָט צו טאָן, טאַקע איר ביידע. איר זאָלט קלערן פֿונעם יום-המות, פֿונעם לעצטן טאָג, וואָס וועט אַמאָל קומען, דעמאָלט ווען די נשמה וועט זיך אָפּטיילן פֿון אײַער גוף און וועט דאַרפֿן גיין אין גן-עדן אַרײַן צו געניסן פֿון דעם עולם-הבא, וואָס עס טרעט אײַך אָפּ מיט זײַן גוטן ווילן מורנו רב אהרן ברב משה. פֿון קיין זאַך אין דער וועלט טאָרט איר אַצינד ניט קלערן, ניט גוטס, ניט שלעכטס, נאָר פֿון עולם-הבא. דאָס איז איינס. דאָס צווייטע — זײַט אַזוי גוט און גיט די רעכטע האַנט צו אָט דעם ייִדן רב אהרן ברב משה און זאָגט מיר, אויב איר נעמט איבער מיט אײַער גוטן ווילן דעם חלק עולם-הבא, וואָס ער טרעט אײַך אָפּ במתנה? זאָגט „יאָ".

מיסטער טשערקיס: יעס.

מיסטער קוואַטשקע: ניט „יעס", נאָר „יאָ".

מיסטער טשערקיס: יאָ.

מיסטער קוואַטשקע: צי גייט אײַך ניט איבער אַ שלעכטער געדאַנק און צי האָט איר ניט חרטה, וואָס איר קויפֿט עולם-הבא? זאָגט „ניין".

מיסטער טשערקיס: נאָסער!

מיסטער קוואַטשקע: ניט „נאָסער", נאָר „ניין"!

מיסטער טשערקיס: ניין.



מיסטער קוואַטשקע: איצט זאָגט מיר, ווי אַזוי רופֿט מען אײַך אַף ייִדיש?

מיסטער טשערקיס: דזשאָזעף.

מיסטער קוואַטשקע: און אײַער טאַטן?

מיסטער טשערקיס: אַבראַהאַם.

מיסטער קוואַטשקע: יוסף בן אברהם. און אײַך, מיסעס?

מיסעס טשערקיס: איך — פֿלאָסי, נאָר אַף ייִדיש לאה-דוואָסיע, און מײַן מאַמע נחמה-סאָסיע.

מיסטער קוואַטשקע: אַלרײַט! עדות, קומט אַהער! איר זײַט עדות, אַז מורנו רב אהרן ברב משה טרעט אָפּ מיט זײַן גוטן ווילן במתנה פֿאַר רב יוסף ברב אברהם האַלב פֿון זײַן חלק עולם-הבא, און צו האשה מרת לאה-דוואָסיע בת נחמה-סאָסיע די האַלב פֿון זײַן האַלב עולם-הבא מיט אַלע זכיות און פּריווילעגיעס, וואָס ער קאָן האָבן אַף יענער וועלט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר. אויך זײַט איר עדות, אַז פֿאַר דער מתנה באַקומט מורנו רב אהרן ברב משה פֿון רב יוסף ברב אברהם אַ מתנה צוויי הונדערט דאָלער, און פֿון האשה מרת לאה-דוואָסיע בת נחמה-סאָסיע אַ חוץ אַ מתנה פּערציק דאָלער. האָט איר געהערט? זאָגט „יאָ".

ביידע עדות: מיר זײַנען ניט טויב.

מיסטער קוואַטשקע: איך פֿרעג אײַך ניט, צי איר זײַט טויב; איר זאָגט מיר: „יאָ".

ביידע עדות: יאָ.

מיסטער קוואַטשקע: האָט איר פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען? זאָגט „יאָ".

ביידע עדות: שור!

מיסטער קוואַטשקע: זאָגט ניט „שור", זאָגט „יאָ"!

ביידע עדות: יאָ.

מיסטער קוואַטשקע: האָט דאָ, חלילה, איינער דעם אַנדערן גענויט, געקריוודעט, אָדער אָפּגענאַרט? זאָגט „ניין".

ביידע עדות: ס'איז ניט אונדזערע ביזנעס.

מיסטער קוואַטשקע: (אַרויס פֿון די כלים). אַט גוייִש קעפּ! זאָגט „ניין"!

ביידע עדות: ניין.

מיסטער קוואַטשקע: דאַנקען גאָט! (צום ייִדן). זאָגט מיר דרײַ מאָל אין איין אָטעם: מכשפה לא תחיה! תחיה מכשפה לא! לא מכשפה תחיה! (דער ייִד זאָגט אים נאָך דרײַ מאָל. מיסטער טשערקיס שוויצט, הייבט דעם צילינדער, ווישט דעם שווייס. די מיסעס טשערקיס איז אויך רויט און פֿאַרשוויצט). מיסטער טשערקיס, מזל-טוב! מיסעס טשערקיס, מזל-טוב אײַך! גאָט זאָל אײַך העלפֿן, איר זאָלט זיך עלטערן

ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר! נאָר איך דאַרף אײַך זאָגן, איר האָט געהאַנדלט אַ מציאה. אַן אַנדערן וואָלט דאָס געקאָסט פֿינף הונדערט דאָלער — און אפֿשר טאַקע אַלע טויזנט, זאָל מײַן נאָמען ניט הייסן קוואַטשקע!

מ י ס ט ע ר  ט ש ע ר ק י ס : װעלל! (וואָשט די פּרומע מינע, טוט אויס דעם צילינדער). איצט וועלן מיר גיין נעמען אַ רעפֿרעשמענט. נאָר ביזנעס בעפֿאָר פּלעזשור. דאָ האָט איר אײַער געלט. (נעמט אַרויס צוויי הונדערט דאָלער און זעקס דאָלער פֿאַר די עדות און גיט איבער צו מיסטער קוואַטשקע. — צו דער מיסעס טשערקיס). מיסעס! אַרויס מיט קעש! (די מיסעס בייגט זיך אַן, פֿאַרקאַטשעט אַלע קליידלעך און שלעפּט אַרויס פֿון זאַק פֿערציק דאָלער, גיט איבער מיסטער קוואַטשקע). װעלל! איך גיי טשענזשען מײַן סוט, ביקאָז איך פֿיל היים. און דו, מײַ סעם, וועסט זײַן אַזוי גוט און וועסט אונדז טריטען מיט אַ גלעזל מאַקסי אָדער עפּל־סײַדער, אָדער אַן אַנדער דרינק. (גייט אָפּ. נאָך אים גייט אָפּ אויך די מיסעס טשערקיס).

מ י ס ט ע ר  ק װ אַ ט ש ק ע : (אָפּגעוואַרט אַ האַלבע מינוט נאָך זייער אַוועקגיין, גייט ער צו צום ייִדן). נו, אַצינד, יאָקל בן פּלעקל, לאָמיר זיך טיילן! (טיילט). אײַך הונדערט, מיר הונדערט, אײַך צוואַנציק, מיר צוואַנציק. און דאָס זײַנען צוויי מאָל דרײַ דאָלער פֿאַר די עדות.

ע ר ש ט ע ר  ע ד ו ת : צו דרײַ? אָבער גאָר לאָ!

צ װ ײ ט ע ר  ע ד ו ת : צו פֿינף דאָלער, פּעטער!

מ י ס ט ע ר  ק װ אַ ט ש ק ע : נאָך צו דאָלער — אַז עק!

ע ר ש ט ע ר  ע ד ו ת : ניין, ס'וועט ניט גיין!

צ װ ײ ט ע ר  ע ד ו ת : קיין נדבות ווילן מיר ניט. גיט אונדז וואָס אונדז קומט.

ד ע ר  ייִ ד : אײַך קומט? פֿאַרוואָס? איר זינגט שיין?

ע ר ש ט ע ר  ע ד ו ת : אַזוי? איר האָט שוין באַקומען לשון?

צ װ ײ ט ע ר  ע ד ו ת : ביז אַהער האָט איר גערעדט נאָר אויף לאַקשן־קוילעטש.

ד ע ר  ייִ ד : שקצים! עזות־פּנימער! גענגסטערס!

ע ר ש ט ע ר  ע ד ו ת : אַ גענגסטער זײַט איר אַליין!

צ װ ײ ט ע ר  ע ד ו ת : אַ גענגסטער מיט אַ מאַסקע, אַ רוח אין דײַן פֿרעמדער באָרד אַרײַן!

ד ע ר  ייִ ד : אַז ס'איז יאָ אַזוי, טאָ נאַ־זשע דיר! (שטעקט אָפּ דעם עדות אַ פּאַטש).

צ װ ײ ט ע ר  ע ד ו ת : (כאַפּט דעם ייִדן פֿאַר דער באָרד). פּאַטשן וועסטו זיך, דו שאַרלאַטאַן, דו עולם־הבא־פּעדלער?... (ציט אים צו זיך. דעם ייִדנס באָרד איז באַם צווייטן עדות אין די הענט. אין דעם עפֿנט זיך די טיר און עס באַווײַזן זיך מיסטער טשערקיס אין אַן אַנדער קאָסטיום און מיסעס טשערקיס מיט אַ טאַץ. אויף דער טאַץ — אַ פּאָר



פֿלעשלעך מיט געטראַנקען און אַ פּאָר שעלעכלעך מיט פֿאַרבײַסן. דער־זען איינעם פֿון די עדות מיט אַ באָרד אין די הענט און דעם ייִדן אָן אַ באָרד, האָבן זיי אַלץ פֿאַרשטאַנען. נאָר פֿאַר גרויס וווּנדער זײַנען זיי געבליבן שטיין אויף דער טיר, ווי צוגעשמידט, קוקנדיק איינס אויף דאָס אַנדערע. אַ מינוט האַלט אָן די שטומע סצענע, ווו אַלע זײַנען פֿאַרגלײ־ווערט, יעדער אין זײַן פּאָזע. דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט).

געשריבן אין יאָר 1915.